בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

יתרו

י"ז שבט תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:49 |
| מוצש"ק | 6:03 |
| ר"ת | 6:43 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:22 | סוז"ת א' | 9:32 |
| סוזק"ש ב' | 9:04 | סוז"ת ב' | 10:00 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': קכ"ב

שנה ג'


## טיב הפרשה

# מאכן א כלי פון א התעוררות

## עולה וזבחים לאלקים

די וואכענדיגע סדרה הייבט זיך מיט די געשיכטע פון יתרו, די תוה"ק דערציילט אונז ווי אזוי יתרו איז געקומען צו גיין פון מדין און זיך אנגעשלאסן אין כלל ישראל.

די תוה"ק דערציילט אונז אז נאך דעם וואס יתרו האט זיך גע־טראפן מיט משה רבינו, האט ער געזאגט פאר די נאנטע אז ער וויל גיין שעכטן עולה וזבחים פאר הקב"ה.

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין אז די ידיעה האט דאך די תוה"ק נישט געזאגט סתם אזוי, נאר עס ליגט אין דעם א טיפערע כוונה.

עס איז ידוע די ווערטער פון דער הייליגער בארדיטשעווער רב אין ספה"ק קדושת לוי [דרוש לשבועות] וואו ער געבט צו פארשטיין די מצוה וואס הקב"ה האט געגעבן פאר די אידן אין הר סיני, איידער מען האט באקומען די תורה הק', די מצוה פון הגבל את ההר וקדשתו.

זיינע ווערטער בויט ער אויף די באקאנטע ווערטער פון דער הייליגער רמב"ן אויף דער פסוק אין שיר השירים [ב.ז] אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ, אז מיר ווייסן דאך אז יעדע התעוררות וואס עס כאפט אן א מענטש פלוצלונג איז א סימן אז דאס איז אן אור וואס ווערט נשפע מלמעלה בפתע פתאום.

די אור ווערט אנגערופן 'נשמה', אבער די נשמה אליין האט נישט קיין קיום אויף די וועלט, אז ער זאל קענען אויספירן זיין תפקיד אויף די וועלט מוז ער האבן א גוף, און די גוף איז א מצוה אדער א מעשה של מצוה.

דער רמב"ן פירט אויס אז ווען עס פאלט ארויף א התעוררות אויף די וועלט פאר א איד און ער וויל דאך אז די התעוררות זאל בלייבן, איז די עצה ער זאל שנעל מאכן א מעשה המצוה, אזוי ארום וועט זיך די התעוררות האלטן און בלייבן ביי אים.

מיט די בחינה טייטשט ער אויס די פסוק אין שיר השירים.


>>> | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

# כָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת

עס ווערט געברענגט אין די גמרא, אז רבי יהודה האט גע'דרש'נט און געזאגט, אז לעתיד לבא וועט דער אויבערשטער ברענגען דער יצר הרע און ער וועט אים שעכטן אין פארנט פון די צדיקים און אין פארנט פון די רשעים. פאר די צדיקים וועט זיך דאכטן אז דער יצר הרע איז א הויכער בארג, און פאר די רשעים וועט ער זיך דאכטן אזוי ווי א פאדים וואס איז דין ווי א האָר. די צדיקים וועלן וויינען און זאגן: וויאזוי האבן מיר געקענט איינגעמען אזא הויכער בארג! און די רשעים וועלן וויינען און זאגן: וויאזוי האבן מיר נישט געקענט בייקומען אזא פאָדים וואס איז דין ווי א האָר! און אויך דער אויבערשטער וועט זיך וואונדערן מיט זיי, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "כֹּה אָמַר ה' צְבָאוֹת כִּי יִפָּלֵא בְּעֵינֵי שְׁאֵרִית הָעָם הַזֶּה בַּיָּמִים הָהֵם גַּם בְּעֵינַי יִפָּלֵא נְאֻם ה' צְבָאוֹת".

דא אנטפלעקן אונז חכמינו ז"ל דער מהות פונעם יצר, אז ער איז אינגאנצן נאר א דמיון, א פאנטאזיע, פארן מענטש טוט ער אויסמאָלן א מציאות אזוי ווי ער דארף ארויסגיין פון די בית המדרש ווענט, אינדערצייט וואס אין אמת'ן איז דאס איבערהויפט נישט ריכטיג, אבער די וועל־כע ווילן זיך שטארקן אנטקעגן אים אין דער יעצטיגער צייט, דארפן מקבל זיין אויף זיך מסירות נפש ממש, וויבאלד מיטן גשמיות'דיגן בליק זעט עס אויס אזוי ווי ער איז גערעכט, אבער נאכדעם וואס מען האט מקבל געווען אויף זיך מסירות נפש, און מען פאלגט אים נישט, דעמאלטס זעט מען אז עס איז דא געווען נישט מער ווי אַן אחיזת עינים, אַן אויג־פארבלענדעניש. דעריבער וויינען די צדיקים, וויבאלד זיי דערמאנען זיך אינעם גרויסן שוועריגקייט וואס זיי האבן געהאט ווען זיי האבן זיך גענדארפט אונטערנעמען אויף זיך עול מלכותו יתברך מיט מסירות נפש, און די רשעים וויינען וויבאלד זיי זעען אז עס איז געווען נישט מער ווי א גאר דינער פאדים, און אויב וואלטן זיי זיך געשטארקט מיט אמונה, און וואלטן געגאנגען במסירות נפש אנטקעגן אים, וואלטן זיי אים געקענט בייקומען.

דער ענין איז מרומז אין די פרשה פון די וואך – ווען אידישע קינדער זענען געקומען אויפן בארג סיני, האט די תורה הקדושה געזאגט 'ויחן שם ישראל נגד ההר', ווייל איידער קבלת התורה האט עס אויסגעזען אז עס איז א בחינה פון נגד ההר, פונקט אזוי ווי עס איז זייער שווער אויסצורייסן א גאנצער בארג, אזוי איז אויך שווער צו מקבל זיין עול מלכותו יתברך, און זיי האבן געמיינט אז זיי וועלן נישט אימשטאנד זיין דאס צו טון, אבער גלייך דערנאך שטייט אין פסוק 'ומשה עלה אל האלקים ויקרא אליו הוי"ה מן ההר', אז משה רבינו האט נישט געמאכט קיין שום חשבונות, נאר ער איז גלייך ארויפגעגאנגען צו מקבל זיין אויף זיך עול מלכותו, כאטש עס האט אויסגעזען אז מען גייט 'אל האלקים', דאס מיינט דער מדת הדין וואס איז מרומז אינעם שֵׁם אלקים, אבער גלייך נאכדעם וואס משה רבינו איז ארויפגעגאנגען, איז מקוים געווארן ביי אים דאס וואס עס שטייט אין פסוק 'ויקרא אליו הוי"ה מן ההר', און דער גאנצער הסתר איז פארוואונדן געווארן, און פונעם גרויסן בארג איז נתגלה געווארן די בחינה פון 'הוי"ה', וואס דאס איז דער שֵׁם וואס ווייזט אויף די בחינה פון רחמים, און עס איז אים אנטפלעקט געווארן אז אלעס איז בלויז געווען אַן אחיזת עינים.

(עפ"י טיב התורה – וארא)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

המשך פון עמוד א'

ווען א איד איז זוכה און עס איז 'תעוררו' און ער וויל אז די התעוררות זאל האבן א קיום, זאל ער מקיים זיין דער 'עד שתחפץ', ער זאל אריינלייגן די התעוררות אין א 'חפץ' אדער אין א כלי און אזוי ארום וועט עפעס בלייבן פון דעם, אז נישט וועט עס פארגיין.

דער קדושת לוי איז מעתיק דער ווארט און פירט אויס אז די זעלבע זאך איז אויך געווען ביי מתן תורה. פון הימל איז אראפגעקומען אויף די וועלט א שטארקע התעוררות, אבער די התעוררות האט נישט געקענט חל זיין, עס איז געווען כגוף בלי נשמה, אז עס זאל יא האבן א גוף, האט הקב"ה געגעבן פאר'ן כלל ישראל די מצוה פון הגבלה און אזוי האט עס געקענט ווערן מלובש אין א מצוה.

מיט די בחינה געבט דער קדושת לוי צו פארשטיין פארוואס דער יום טוב שבועות הייסט 'עצרת', ווייל משה רבינו האט באפוילן אז מען זאל נישט צורירן צו די בארג, און פון די התעוררות האט מען געקענט מאכן א כלי פאר די שפע וואס איז געקומען מלמעלה, עס זאל האבן א קיום אויך אויף די וועלט.

עס קען זיין אז די זעלבע זאך איז געווען דא מיט יתרו. אויך יתרו האט זיך געשלעפט פונדערווייטענס, ער האט געהאט א שטארקע התעוררות, אבער וועלנדיג אז די התעוררות זאל האבן א קיום, האט ער גלייך נאכ'ן אנקומען געוואלט שעכטן זבחים, ווייל ער האט געוואלט אריינלייגן די התעוררות אין א חפץ.

מען זעט פון דעם אז ווען א מענטש האט א התעוררות זאל ער עס גלייך מלביש זיין אין עפעס, אז נישט קען עס אויסוועפן.

מען קען צולייגן צו דעם אז מען דארף גלייך כאפן און עס אריינלייגן אין א התעוררות, ווייל אז נישט קען עס אויסקיהלן. אזוי לאנג ווי עס הענגט אין די לופט איז עס איינגעשטעלט, מיר ווייסן דאך אז די לופט אין די היינטיגע צייטן איז קאלט, עס איז דא אסאך קרירות און ווי לאנג מען לאזט עס אין די לופט, אלץ קעלטער ווערט עס, אנשטאט דעם דארף מען עס כאפן און גלייך אריינלייגן אין עפעס, אזוי עס זאל בלייבן ווארעם.

איך האב אמאל געהערט דערציילן פון דער בארימטער ירושלים'ער מגיד רבי שלום שוואדראן זצ"ל אז אין די וואלאזשינער ישיבה האט זיך אמאל געמאכט אז ביים עסן האט מען געפרעגט פאר א בחור א תוספות. דער בחור האט זיך נישט געקענט דערמאנען, און זעענדיג אז ער קען נישט, האט ער זיך אויפ'ן פלאץ אויפגעהויבן און איז ארויף אין צימער און זיך געזעצט אריינהארעווען אין גאנץ ש"ס, ביז ער איז געווען זיכער אז ער קען אלעס על בוריה.

דער בחור איז געזעסן דארט אפאר חדשים אין א ציה.

בעצם ווען מען איז דן צי הלכה'דיג האט עס דער בחור געמעגט טון צי נישט - קען זיין אז על פי ההלכה האט ער עס נישט געטארט טון, ווייל ער האט דאך געהאלטן אינמיטן עסן און ער האט ערשט געדארפט בענטשן ברכת המזון, נאר דער בחור האט געהאט אזא התעוררות אין יענע מינוט און ווען ער ווארט ווען אביסל וואלט זיך עס פארלאשן, און נישט וועלנדיג עס זאל זיך פארלעשן האט ער געארבעט גלייך, אויפ'ן פלאץ.

דער געדאנק זעט מען פסח ביינאכט, נאך דעם וואס מען איז מקיים די מצוה פון סיפור יציאת מצרים, זאגט מען גלייך 'לפיכך אנחנו חייבים להודות' און פון דער דיבור קומט מען אן צו למעשה, מען הייבט אן גלייך צו זאגן הלל, ווייל די תכלית פון יציאת מצרים איז אז מען זאל לויבן השי"ת, און איינמאל אז מען ווערט נתעורר צו דעם, וויל מען מער נישט ווארטן א מינוט, מען וויל גלייך אנהייבן לויבן השי"ת אויף די ניסים.

זאל השי"ת געבן אז מען זאל זוכה דערצו און אז אונזערע הערצער זאל ווערן אנגעפלאמט מיט א התעוררות און עס זאל לייכטן אויף אייביג.

טיב

ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א טובה פאר א צווייטן - א טובה פאר זיך

אין די געגענט וואו כ'וואוין איז נישט דא קיין מקוה, יעדע מאל איך דארף גיין צו א מקוה, דארף איך כאפן א שפאציר פון צוואנציג מינוט.

נארמאל רעכן איך אויס אז אין די קורצע פרייטאגס זאל איך קענען קומען און גיין גענוג פרי, אז איך זאל נישט אריינפאלן אין שבת, אבער יענע פרייטאג האב איך זיך זייער פארשלעפט און איך בין אנגעקומען שפעט אין מקוה.

די וועטער אינדרויסן איז געווען רעגענדיג און ווינטיג און איך בין געווען נערוועז צי איך וועל אניאגן צו זיין צוריק אין שטוב גענוג פרי, אז איך זאל קענען מאכן אלע הכנות צום שבת, איידער די זמן פון שבת קודש.

ארויסגייענדיג פון מקוה האב איך געהאפט אז עס וועט מיר גיין, אין יענע מינוט האט זיך א קאר אפגעשטעלט נעבן מיר, א איד פרעגט מיר צי איך וויל א היטש צו מיין שטוב.

"זיכער אזוי", האב איך געזאגט און זיך אריינגעזעצט אין די קאר.

אהיימפארנדיג האט דער איד גערעדט טעלעפאניש איבער א געוויסער פארע מאשין וואס ער וויל נוצן פאר זיין קינד ווייל ער שפירט זיך נישט גוט. דער איד האט זיך שואל עצה געווען מיט א מורה הוראה וואס ער קען טון ווייל זיין מאשין מאכט קונצן.

הערנדיג וועגן וואס עס רעדט זיך, האב איך זיך אנגערופן צו דעם איד אז איך האב אזא מאשין אין שטוב און מיין מאשין קען אים פאַרשפאָרן אלע שאלות, אלע עגמת נפש וואס ער האט.

דער איד האט זיך געפרייט מיט מיין פארשלאג, ווען מיר זענען אנגעקומען אין שטוב, האב איך אים געבערענגט די מאשין און ער האט זיך באדאנקט פאר מיר, אז איך האב אים מציל געווען פון זיין פלאנטער.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די היטש איז געווען א צווי זייטיגע טובה. איך האב זיך געשפארט צייט און געקענט צוגיין צום שבת מיט א רואיגקייט, און אויך ער האט פארדינט אז ער האט געקענט האבן א רואיגער שבת.

די מעשה האט מיר געלערנט אז אסאך מאל מיינט מען אז טוט א טובה פאר יענעם, ווען באמת טוט מען עס פאר זיך אליין.

דערציילט דורך דער בעל המעשה: כ. ל.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# דער הייליגער ביאלער רבי זצוק"ל

**לכבוד דעם גרויסן יומא דהילולא פון דער ביאלער רבי, הרה"ק רבי יחיאל יהושע זצוק"ל בן הרה"ק רבי ירחמיאל צבי זצוק"ל הי"ד, בעל "חלקת יהושע", וואס געפאלט קומענדיגן מיטוואך (כ"א שבט תשמ"ב), טוען מיר פאַרלייגן עטליכע לעכטיגע עובדות פון זיין עבודת הקודש, צוזאמגעקליבן פון די ספרים און שיעורים פון מורינו ורבינו שליט"א**

**לכבוד די הייליגע ימי השובבי"ם לאמיר אנהייבן בס"ד מיט ענינא דיומא, אזוי ווי עס איז ברייט באוואוסט וויפיל דער דאזיגער צדיק זי"ע האט זיך מוסר נפש געווען על קדושתם של ישראל, לאמיר מיר גיין אין זיינע וועגן און זיך מחזק זיין אין קדושה שטענדיג.**

איך געדענק פון פילע יארן צוריק, ווען איך בין געווען א יונג בחור'ל נאך די בר־מצוה, האב איך געלערנט אינעם באוואוסטן ישיבת "עץ חיים", אין די 'מחנה יהודה' געגנט דא אין ירושלים עיה"ק, און אונז האבן געוואוינט אין די '**אונגארישע הייזער**' געגנט. גייענדיג אויפן וועג צווישן די ישיבה און די הויז פון מיינע עלטערן זכרונם לברכה, פלעג איך שטענדיג אריבערגיין דורכן '**יוסף בן מתתיהו**' גאס וואס געפינט זיך אויפן שפיץ פון די '**גאולה**' געגנט, זיך דערנעבנטערנדיג קיין **מחנה יהודה**. – דארט אויפן זעלבן גאס, אויבן, איז געשטאנען דער בית המדרש פון **כ"ק אדמו"ר מביאלא זצוק"ל**.

איין טאג, גייענדיג אויפן וועג, בין איך אנגעקומען ביים ווינקל פון די גאסן '**יוסף בן מתתיהו – אלגאזי**', ווען אין פארנט פון מיינע אויגן האב איך געזען דעם הייליגן רבי'ן, ווי ער שטייט מיט זיין פולן פראכט ביים אריינגאנג פון זיין בית המדרש, און ער רופט צו מיר מיט א קריאה של חיבה, אז איך זאל אריינקומען מיט אים אינעווייניג.

א יונג קינד בין איך געווען, איך האב דעמאלטס נאכנישט געקענט דעם רבי'ן, און איך האב נישט געוואוסט פארוואס דער רבי רופט מיר אריין צו אים. געמישטע געפילן פון שרעק און לעכצעניש האבן געווירבלט אין מיר, אבער ווען איך האב באטראכט זיין הייליג געזיכט און איך האב געזען ווי ער שמייכלט צו מיר מיט ליבשאפט און פרייד, בין איך געווארן צוגעבינדן צו אים און איך האב געווארט צו הערן וואס דער צדיק וויל פון מיר.

דער רבי האט מיר מקרב געווען בימין צדקו, און האט מיר געהייסן אז איך זאל אריינקומען אינעווייניג אין זיין הייליגן צימער. נאכדעם וואס ער האט מיר פריינדליך באגריסט, איז ער צוגעגאנגען צום ספרים שאַנק און האט ארויסגענומען פון דארט דעם ספר "**שולחן ערוך אבן העזר**", ערקלערנדיג אז וויבאלד פילע יונגע בחורים פונעם היינטיגן דור וויסן נישט די הלכות פון קדושה, און האבן נישט געזען די הלכות וועלכע ווערן קלאר ארויסגעשריבן אינעם שולחן ערוך בזה, דעריבער וועט ער לערנען מיט מיר די הלכות.

ער האט געעפנט דעם שולחן ערוך און עס אויפגעמישט צו **סימן כ"ג** וואס דער סימן איז עוסק אינגאנצן אין די הלכות פון זהירות אין קדושה, און האט זיך גענומען לערנען מיט מיר אינאיינעם איין סעיף נאכן אנדערן...

דער רבי האט מיר ערקלערט מיט זיין אנגענעמע הייליגע שפראך, די הלכות וואס זענען שייך צו יונגע בחורים, און דערביי האט ער שטארק אויפגעפלאמט מיין הארץ, גוט אפצוהיטן די מדה פון קדושה, ומינה לא תזוע!

איך בין ארויסגעגאנגען פון זיין הויז, נאכדעם וואס ער האט מיר באגלייט מיט זיין ברכת קודש, און איך האב זיך געפילט ווי א נייער מענטש. א גייסט פון קדושה האט זיך אנגעצינדן אין מיר, און עס האט אריינגעגאסן אין מיר א רוח חיים צו פארשטיין און צו קלוג ווערן אין די וועגן פון תורה און יראת ה'.

שפעטער האב איך זיך דערוואוסט, אז אזוי איז געווען זיין הייליגער מנהג, צו אנווייזן די יונגע בחורים וויאזוי זיך צו פירן אין אלע ענינים שבקדושה. ער פלעג אויסלערנען די בחורים, אז מען זאל אכטונג געבן אויף אלע הלכות פונעם שולחן ערוך, ווי צום ביישפיל מיטן ליינען קריאת שמע כהלכתה און בזמנה, און צו וויסן דעם פירוש און די כוונה פונעם ערשטן פסוק פון קריאת שמע, און נאך פילע הלכות כהן וכיוצא בהן.

פון די הייליגע וועגן פונעם צדיק, האב איך זיך אויסגעלערנט, ווי שטארק א יונג בחור'ל דארף האבן א קלארע הדרכה אין פילע ענינים וועלכע זענען נישט באקאנט, איבערהויפט אין ענינים פון קדושה און צניעות וואס מען ווייסט נישט גענוג זייער הארבקייט. – און דעריבער בין איך משתדל, בלי נדר, אויך היינט, אריינצונעמען יעדן בחור פאר א ספעציעלן הייליגן שמועס, מיט א קלארע הדרכה אינעם אויבנדערמאנטן שולחן ערוך אבן העזר, כדי די לעכטיגע און הייליגע אידישע בחורים זאלן וויסן ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן אויף די מדה פון קדושה, וואס אין איר זכות וועלן מיר אינגיכן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, אמן.

-›•‹-

עס האט מיר דערציילט הרה"צ דער באוואוסטער הייליגער סופר און בעל מספר **רבי ישראל ראזנצווייג זצ"ל**, באקאנט אלץ '**רבי ישראל סופר**', מִפֹּה עיה"ק ת"ו, וועלכער איז געווען פון די נאנטע חסידים פון דער **ביאלער רבי זצוק"ל**.

ווי באקאנט, פלעגט דער רבי זייער שטארק מאריך זיין ביי זיינע תפילות מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש, ווען ער פלעגט זיך שטעלן צו תפילת שחרית גאנץ פרי יעדן אינדערפרי, און ער פלעגט ענדיגן דאווענען גאנץ שפעט ווען עס איז שוין געווען כמעט מיטאג־צייט. אין זיינע תפילות האט ער משקיע געווען א געוואלדיגע יגיעה, מיט א לייבן־געשריי, און האט מאריך געווען מיט פילע כוונות ביי יעדן הזכרת שם שמים, אויף די וועגן פון זיין גרויסן זיידן, **דער יהודי הקדוש פון פשיסחא זי"ע**.

אין א טאג, האט רבי ישראל סופר זצ"ל געדארפט פרעגן אן עצה פונעם רבי'ן, און דערפאר איז ער געבליבן נאכן דאווענען אין בית המדרש, און געווארט אריינצוגיין אל הקודש פנימה. ווען ער איז אריינגעגאנגען אינעווייניג צום רבי'ן, האט ער פארמאכט דעם טיר נאך אים, און זיך אוועקגעזעצט מיטן רבי'ן אויף א לענגערער שמועס. דער רבי האט זייער הנאה געהאט מאריך צו זיין מיט אים איבער פארשידענע עניני חסידות אין וועלכע רבי ישראל האט געהאט גרויס קענטשאפט, און זעלבסטפארשטענדליך האט ער אים ענטשיידן אלע זיינע ספיקות, ביז אלעס איז געווען קלאר און לעכטיג פאר רבי ישראל.

ארויסגייענדיג פונעם רבי'נס שטיבל איז שוין געווען מיטאג־צייט, און רבי ישראל האט געפילט א שטארקן הונגער, נאכדעם וואס עס איז שוין אריבערגעגאנגען א האלבן טאג, מיטן לאנגן דאווענען און מיטן גרויסן עבודת התפילה. – איז ער דעריבער אראפגעגאנגען פונעם בית המדרש צום דערנעבנדיגן 'גערליץ געבעקסן' אין 'גאולה' געגנט, און זיך איינגעקויפט אביסל מזונות־קיכלעך, פאר צוביים אנשטאט 'פת שחרית'. – רבי ישראל איז בכלל נישט געווען קיין "כבוד מענטש", און טראץ זיין געוואלדיגע צידקות און פרישות, גייענדיג אין גאס מיט די אויגן צו דער ערד, און זיך טובל'נדיג אין מקוה איידער ער האט געשריבן די שֵׁמוֹת הַקֹּדֶשׁ ביי זיין הייליגע ארבעט כידוע, פונדעסטוועגן איז ער ארומגעגאנגען ווי א געווענליכער מענטש, און ווען ער האט געדארפט עפעס טועם זיין, איז ער אליין צוגעגאנגען אין געשעפט און געקויפט וואס עס האט אויסגעפעלט.

דערנאך האט זיך רבי ישראל איינגעקויפט מיט זיין קליין פעקעלע אין האנט צום בית המדרש, און זיך אוועקגעזעצט אינעם קליינעם **קאווע־שטיבל**, נאכן זיך צוגרייטן א ווארימע גלאז קאווע, און מאכנדיג א ווארימע ברכה, גענומען עסן.

ווי נאר ער האט אנגעהויבן צו עסן, האט זיך אומגעראכטן געעפנט די טיר פונעם הייליגן רבי'ן, און גלייך האט זיך באוויזן דער הייליגער געשטאלט פונעם רבי'ן, ווי ער גייט ארויס פון זיין צימער צו זיין הויז וואס האט זיך געפינען אויבן, אויפן צווייטן שטאק. אזוי דורכגייענדיג דעם שמאלן קארידאר, איז דער רבי דורכגעגאנגען די קראנען וואו מען וואשט זיך די הענט, און אויך דעם קליינעם **קאווע־שטיבל**, און אט באמערקן זיינע הייליגע אויגן דעם רבי ישראל, וואו ער דערכאפט זיך דאס הארץ מיט די מזונות און מיטן גלעזל קאווע וואס ער האלט אין האנט.

דער רבי האט אים געגריסט, און מיט א שמייכל פול מיט ליבשאפט, האט ער אים הערצליך גע'מוסר'ט: איך פארשטיי נישט! פארוואס האסטו אויסגעוועלט יוצא צו זיין מיט מזונות? פארוואס דען האט דיר השי"ת באשאפן מיט א נאטור אז דו זאלסט זיך פילן הונגעריג? – נאר, כדי אז ווען דו וועסט דארפן עסן, זאלסטו נעמען א שטיקל ברויט צו עסן, און דורכדעם וועסטו מקיים זיין פילע מצוות, ווי צום ביישפיל: נְטִילַת יָדַיִם כְּהִלְכָתָהּ, איינטינקען די ברויט אין זאלץ, זיך וואשן מים אחרונים, און דערנאך בִּרְכַּת הַמָּזוֹן כְּהִלְכָתָהּ... און וויבאלד מען קען דאך מקיים זיין אזויפיל מצוות דורך א מאלצייט פון ברויט, פארוואס זאלן מיר דען מוותר זיין אויף אזא גרויסן פארדינסט, און זיך באגנוגן בלויז מיט מזונות?

**ווען הרה"צ רבי ישראל ע"ה האט מיר דאס דערציילט, האט ער געזאגט אז ער האט זיך ארויסגעלערנט פון די מעשה הֲלִיכוֹת חַיִּים, וויאזוי מען קען און מען דארף אריינלייגן קדושה און עבודת השם אויך אין די גשמיות'דיגע לעבן. און אפילו אין די פשוט'ע פעולות פונעם טאג־טעגליכע לעבן, זאל מען טראכטן און אויס'חשבונ'ען ביי יעדער זאך, וואס איז דא דער רצון ה', וואס איז דער דין און די מצוה ביי יעדער זאך, און וויאזוי קען איך דא מאכן מער נחת רוח פאר השם יתברך!**

-›•‹-

דער מנהג פון הגאון הצדיק מורינו רבי זונדל קרויזער

| המשך אין עמוד ד' |>

זצוק"ל בעל "אור החמה" איז געווען, אז ווי נאר ער האט זיך אויפגעוועקט פון שלאף, זאל עס זיין אין וועלכע שעה עס זאל נאר זיין, און וועגן וועלכע סיבה עס זאל נאר זיין, אז ער איז גלייך אויפגעשטאנען און האט גלייך אנגעהויבן מיט זיין סדר היום, און האט זיך נישט צוריקגעלייגט שלאפן.

ער האט אנגענומען דאס זיך אויפוועקן אזוי ווי א **הִתְעוֹרְרוּת מִן הַשָּׁמַיִם**, וואס מען וועקט אים יעצט פון הימל אז ער זאל אויפשטיין פון שלאף און אנהייבן מיטן עבודת הקודש. – מיר האבן שוין אויך געברענגט א וואונדערליכע עובדא פון אים איבער דעם ענין, זע ספר "**טיב הקהילה – תשע"ד**" (לשה"ק, פרשת בהעלותך שבועות).

מיט אט דעם שיינעם מנהג האבן אסאך צדיקים קדושי עליון זיך געפירט צו **מְסַלְסֵל** זיין, און אזוי האט זיך אויך געפירט דער הייליגער **ביאלער רבי זצוק"ל בעל חלקת יהושע** און נאך צדיקים, אז ווי נאר זיי האבן זיך אויפגעכאפט פון שלאף, האבן זיי נישט געוואלט בלייבן ליגן אין בעט, זיך דרייענדיג פון איין זייט צום אנדערן, אינדערצייט וואס די טייערע צייט גייט צוגרונד, און פילע און טייערע מחשבות ווערן אויסגעניצט להבל ולריק. – נאר זיי האבן אנגענומען דאס אויפוואכונג ווי א התעוררות פון הימל, **שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי עַתָּה בְּחֶמְלָה**, כדי מען זאל יעצט אויפשטיין און דינען דעם באשעפער מיט געטריישאפט, און האבן גלייך זיך געוואשן זייערע הייליגע הענט מיט א געוואלדיגע און פייערדיגע לעכטיגקייט, און זיך גענומען צו זייער הייליגע עבודת היום. [ענדליך צו דעם ווערט געברענגט אינעם ספה"ק "**קדושת לוי**" וואס איז געדרוקט געווארן פונדאסניי (ח"ג ליקוטים) זע דארט].

-> ◆ <-

דער מנהג פון כ"ק **דער ביאלער רבי זצוק"ל** איז געווען, אז ווען ער האט אנגעפירט מיט 'סידור קידושין', פלעג ער מעורר זיין די עדים איידער די חופה אז זיי זאלן מהרהר זיין בתשובה, דערפאר וואס א רשע איז דאך פסול לעדות. און נאכן קלאָרמאַכן אז עס איז נישטא ביי זיין קיין **פְּסוּל קֻרְבָה** און קיינער פון זיי איז נישט קיין קרוב פון דער חתן אדער פון די כלה, און אויך זענען זיי נישט קרובים איינער צום אנדערן, האט ער צוגעגעבן אז מען זאל מהרהר בתשובה זיין איידערן **מַעֲמַד הַחֻפָּה**.

אפטמאל זענען די עדים געווען חשוב'ע מענטשן אדער רבנים און דיינים וועלכע פסק'נען שאלות און דיני תורה, ווי צום ביישפיל ביי די חתונות פון רבי'שע הויפן א.ד.ג., און מפני כבודם פון די חשוב'ע עדים האט דער רבי זיי נישט געוואלט דירעקט זאגן אז זיי דארפן מהרהר בתשובה זיין, כדי עס זאל נישט אויסזען אזוי ווי ער איז זיי חלילה חושד מיט אן עבירה, דעריבער האט ער בחכמתו געשאפן עפעס א שמועס ארום דער ענין פון כשרות העדים און איבערן חיוב וואס זיי האבן צו תשובה טון, ביז מען האט פארשטאנען רצון קדשו אז זיי זאלן מהרהר בתשובה זיין איידער מען טוט צוגיין צום חופה.

בי די חופה פון איינער פון זיינע תלמידים, האט מען גערופן דעם רבי'ן אלץ מסדר קידושין, און דא האט ער געזען אז איינער פון די 'עדי קידושין' איז נישט קיין אנדערער ווי דער גאון און צדיק **רבי זונדל קרויזער זצוק"ל**, וועמען דער רבי האט גוט געקענט אלץ אן איש צורה און געוואלדיגער תלמיד חכם וירא אלקים.

דער רבי האט זיך זייער געפריידט אים צו באגעגענען, און איידער מען איז צוגעגאנגען צום סידור קידושין, האט דער רבי זיך געוואנדן צו די עדים מיט ליכטיגן שמייכל, און זיך אנגערופן: פאר אזעלכע חשוב'ע מענטשן ווי איר זענט, דארף מען אוודאי נישט מעורר זיין איבערן חובת התשובה וואס מען דארף אריינטראכטן איידער מען טוט צוגיין צום חופה"!

ווי נאר רבי זונדל האט דאס געהערט, האט אים אנגעכאפט א פחד און טרייסל, און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן: וויאזוי קען איך דען אזוי פלוצלונג עוסק זיין אין תשובה, ממש הארט פאר די חופה? דער רבי וואלט מיר געדארפט מעורר זיין דערוועגן מיט עטליכע טעג פריער! כדי איך זאל קענען עוסק זיין בתשובה אזוי ווי עס דארף צו זיין!

ווען דער רבי האט געהערט די ווערטער פון רבי זונדל, איז ער זייער צושטורעמט געווארן. זיין געזיכט איז געווארן רויט, און מיט זיין הייליגן פייער האט ער זיך אנגערופן: **וָואס אִיז תְּשׁוּבָה? – חֲרָטָה עַל הֶעָבָר אוּן קַבָּלָה עַל הֶעָתִיד!** און מיט אן אמת'ע הרהור תשובה, וואס מען באשליסט ביי זיך צו פארלאזן דאס גאנצע שלעכטס און צו טון גוטס, גייט מען שוין ארויס **מִגֶּדֶר רָשָׁע** און מען איז שוין **כָּשֵׁר לְעֵדוּת**.

און דער ביאלער רבי האט אויפגעוויזן זיינע ווערטער פון א מפורש'ע גמרא אין דעם צווייטן פרק אין קידושין (מט:): "**עַל מְנָת שֶׁאֲנִי צַדִּיק, אֲפִילוּ רָשָׁע גָּמוּר, מְקֻדֶּשֶׁת, שֶׁמָּא הִרְהֵר תְּשׁוּבָה בְּדַעְתּוֹ**". זעען מיר דאך פון די גמרא, אז אין איין רגע קען זיך א מענטש איבערדרייען דורך **תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה**. און דאס ווערט גע'פסק'נט להלכה אין **רמב"ם** הלכות אישות (פ"ח ה"ה) זע דארט אין **לחם משנה**, און אין **שולחן ערוך אבן העזר** (לח, לא) זע **אוצר הפוסקים** דארט.

אט דער מעשה האט דער בעל המעשה, **הגאון רבי נטע גרובער** דערציילט, וואס ביי זיין חופה איז געשען די מעשה.

רבי זונדל ע"ה פלעגט אויך דערציילן די מעשה פאר זיינע תלמידים, צוגעבנדיג אז פון אט די מעשה קען מען ארויסלערנען עטליכע שטארקע און וויכטיגע הלכות, סיי פון די **הֲלִיכוֹת קָדְשׁוֹ** פונעם רבי'ן, וואס ער האט זיך געפירט מיט חכמה וויאזוי מעורר צו זיין אז מען זאל תשובה טון, אָן צו פארשעמען די עדים, און סיי אינעם יסוד פון תשובה.

וואס מיר לערנען דא ארויס **דעת קדשו**, אז טראצדעם וואס עס זענען דא פארשידענע **תְּנָאִים** און איינצלהייטן אין תשובה, אז עס פעלט אויס אז מען זאל זיך מתוודה זיין מיטן מויל, און עס איז איינגעטיילט אין דריי שטאפלען פון **עזיבת החטא**, פארלאזן דעם זינד, **חרטה על העבר**, חרטה האבן אויף וואס איז געווען ביז יעצט און **קבלה על העתיד**, זיך אונטערנעמען פון יעצט און ווייטער וכו', אזוי ווי דאס אלעס ווערט ערקלערט אין **רמב"ם** הלכות תשובה פרק א', עיין שם. – פונדעסטוועגן איז דאס אלעס נישט מעכב דעם **יסוד התשובה**, און אפילו אויב ער האט זיך נישט מתוודה געווען און נישט ארויסגעזאגט מיטן מויל '**חטאתי**', און נישט מקיים געווען אלע **תְּנָאִים**, נאר ער האט געטראכט ביי זיך אין הארץ אינעם **יסוד פון תשובה**, איז ער שוין ארויסגעגאנגען פונעם גדר פון א 'רשע', און זיין תשובה איז נתקבל געווארן.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**




◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173